

# תורת אביגדור

## פאר קינדער

באארבעט פון די שיעורים
פון הרה"ג ר' אביגדור מיללער ז"ל

צו

# דעם אייבערשטענ'ס ארמיי

פרנס השבוע

לכבוד הילד החשוב יניק וחכים

כמר **אהרן יודא שלעזינגער** ני"ו

מיט ליבשאפט,

פון דיין טאטע

פרשת צו

# דעם אייבערשטענ'ס ארמיי

## ערב שבת פרשת זכור תשפ"א

משפחת גרינבערג איז אַריין אין די קאסטיום־סטאר צו קויפן זייערע פורים־קאָסטיומס.

קוק, מאמי! דאָרטן זענען די כלה־קליידלעך!" האט מירי אויסגערופן מיט פרייד, לויפענדיג צו

באטראכטן די אויג פארכאפענדע קאסטיומס.

דערווייל זענען איצי און שמואלי געגאַנגען מיט טאטי צו די אנדערע זייט, ווי שמואלי האָט אויסגעקליבן אַ פאליציי קאָסטיום. איצי'ס אויגן זענען געפאלן אויף די מערסט עכט-אויסזעהנדיגע יוניפארם פון די אמעריקאנער אַרמיי וואָס ער האט נאר אמאל געזען.

"וואַו" האט איצי געזאגט. "עס קוקט אויס אַזוי עכט! עס פילט אפילו ווי אַ עכטע מונדיר! און טאטי, עס איז אויף סעיל - עס איז נישט צו טייער - קען איך עס ביטע באַקומען?"

## ליל פורים תשפ"א

משפחת גרינבערג איז אָנגעקומען אין שול צו קריאת המגילה, שמואלי אָנגעטאָן ווי אַ פאָליציאַנט און איצי אין זיין סאלדאט קאסטיום. ווי נאר איצי איז געקומען צו זיין פלאַץ אין ביהמ"ד, האט ער באמערקט א ערוואַקסענער איד אויך אין אַ סאָלדאַט מונדיר! ער האט נישט געוויסט אז מען פארקויפט קאסטיומס פאר טאטעס!!

"איצי" האט שמואלי פרייליכערהייט געשושקעט – דאס איז לוטענאנט סטיוו כהן! ער איז לעצטנס געווארן פרום און ער איז אן אמת'ער סאלדאט! איך האב געהערט אז ער האט געפירט א טאנק אין די איראק'ע מלחמה! איך מיין אז ער איז געקומען גלייך פון דער מיליטער באזע ספעציעל מקיים צו זיין די מצוה פון הערן מגילה לייענען!

איצי איז געווען ערשטוינט צו זען אַן אמת'ע אמעריקאנער זעלנער אין שול. עס איז איין זאַך צו זיין פארשטעלט ווי א סאלדאט, אָבער דאָס איז עכט - עס זעהט אויס ווי א חלום!!

## ערב שבת פרשת זכור תשפ"ב

טאטי און איצי זענען אַריין אין די הוט געשעפט. איצי גייט בר מצווה האבן אין אַ חודש ארום און ער גייט יעצט קויפן זיין ערשטער הוט! איצי האט געקוקט מיט וואונדער אויף דעם ריזיגן אויסוואל פון היטן, ווען דער פארקויפער האט אויסגעקליבן עטליכע פון דער שאפע.

"ווי אַזוי קוקט דאָס אויס?" האָט דער טאטע געפרעגט איצי, ווען ער האָט אָנגעטאָן אַ באַזונדער שיינע היט אויפן קאָפ פון זיין זון.

איצי האט א קוק געטוהן אין שפיגל און א שטארקע געפיל האט איהם איבערגענומען.

"וואַו, עס קוקט אויס אַזוי עכט!!"

## ליל שבת זכור תשפ"ב

משפחת גרינבערג איז אָנגעקומען אין שול צו מנחה און קבלת שבת, איצי איז שוין געקומען פריער ווי געווענליך, אָנגעטאָן מיט זיין שפאָגל נייעם בר־מצווה בעקיטשע און הוט. ווי נאר איצי איז געקומען צו זיין פלאץ, איז זיין בליק געפאלן אויף אלע אנדערע מענער און בחורים, אנגעטאן אזוי ווי ער. דאָס האָט אים געמאכט פילן ערוואקסן און וויכטיג, עס האט אים געהאָלפן דאַווענען מיט עקסטערע כוונה.

אויפ'ן וועג אהיים פון שול, האט ער פארטראכטערהייט זיך געוואנדן צו זיין טאטע. "טאטי" — רופט ער זיך אהן — היינט דערמאן איך זיך אסאך פון לעצטע יאָר פורים, ווען איך האָב מיך פארשטעלט ווי אַ סאלדאט. געדענקסט יענעם לוטענאַנט כהן, וואָס איז געקומען אין שול אין זיין אַרמיי יוניפארם? ער האט אויסגעזען פונקט ווי מיר, אָבער עס איז קלאָר אַז עס איז געווען אַ חילוק. ער איז געווען אַן אמת'ער סאלדאט, בשעת איך האָב נאָר געטראָגן אַ פורים־קאסטיום."

"אָבער היינט נאכט ווען איך בין געקומען אין שול און געטראָגן עפעס וואָס איך האָב קיינמאָל פריער נישט געטראָגן, האָב איך זיך געפילט אַנדערש. איך בין געווען אָנגעטאָן פונקט ווי אַלע גרויסע בחורים און טאטעס אין שול, אָבער איך האָב געפילט אַז דאָס איז מער ווי נאר אַ קאסטיום - עס האָט זיך געפילט עכט!"

טאטי האָט געשמייכלט. "יא, איצי," האָט ער געזאָגט. "ווען דו האָסט געטראָגן די קאסטיום לעצטע יאָר, איז דאָס טאקע געווען נאר א קאסטיום - עס האט נישט געהאט





תשפ"א



תשפ"ב

עפעס א באזונדערע באדייט. אבער לוטענאנט כהן איז אַן אמת'ע סאלדאט, ווען ער טראגט זיין מונדיר ווייזט ער ארויס פאר יעדן אז ער איז אַ שטאלצע זעלנער אין די אמעריקאנע אַרמיי".

"אבער יעצט, ביסטו טאקע א סאלדאט! די שווארצע הוט און די נייע בעקיטשע איז די מונדיר פון אן אמת'ער תורה איד, און ווען דו טראגסט עס ווייזטו פאר יעדן איינעם אז דו ביסט אן אמת'ער זעלנער אין השם יתברך'ס ארמיי.

איצי האט געשטראלט. "וואַו, עס מאכט מיר פילן אזוי חשוב!" האט ער געזאגט.

"יא, גערעכט," האט דער טאטע געזאגט. "אָבער דו דארפסט מאכן זיכער עס גוט אפצוהיטן!"

"פארוואס?" – האט איצי געפרעגט בשעת'ן אפבלאזן א ברעקעלע שטויב פון דעם גלאנציגן היט. " אז עס זאל נישט ווערן שמוציג?"

"ניין, נישט דאס מיין איך," האט דער טאטע געזאגט - איינדרייענדיג זיך צו די גאס פון זייער הויז. — סתם טראָגן אַ ש◦אַרצן היט מאַכט דיר נאך נישט ק◦ן צדיק... אין פאַקט, לייגט עס מער פאַראַנטוואָרטליכקייט אויף דיר!".

טראכט פון אַ סאלדאט. קלער אריין, ווען אַ זעלנער טוט אן זיין שפּאָגל נייַע מונדיר, אבער ער טוט נישט וואס די גענעראלן פארלאנגן פון איהם, ער באשליסט צו טוהן וואס איהם געפעלט, וואס מיינסטו וועט געשעהן?

"איך וואָלט געטראכט אז אויפן בעסטן פאל וואלט ער ארויסגעשטויסן געווארן פון די מיליטער, אויב נישט ערגער'ס. וואס הייסט? א סאלדאט מוז פאלגן וואס זיין אויבערהאר באפעלט איהם, אהן קיין תירוצים!" – האט איצי אויסגערופן. "טראגן א מונדיר אָן טוהן די ארבעט איז נאריש!"

"גערעכט!" האט טאָטי געזאגט. "הגה"צ ר' אביגדור מיללער ז"ל פארגלייכט דיין היט וואס דו טראגסט יעצט, צו די היטן - מגבעות - וואס די כהנים האבן געטראגן אין בית המקדש. די וואָרט "מגבעת" איז א לשון פון "זיך הייבן". א היט מאכט דיין קאפ אויסזעהן גרעסערע, אבער אַ גרעסערע קאָפּ מיינט אַז דו דארפסט עס אנפולן מיט וויכטיגע זאכן".

"דו זאלסט נישט טראַכטן אז נאר טראגן דיין הוט מאכט דיר שוין חשוב. עס איז נאר גורם צו ווערן חשוב. אבער אלס בר מצווה בחור איז יעצט דיין ארבעט צו ווערן אן אמת'ער תורה-איד, אנצופילן דיין קאפ מיט רעיונות פון די תורה און ריינע מחשבות, זיך צו קענען אויפירן ווי אן אמת'ע זעלנער אינעם אויבערשטן'ס ארמיי !"

**הערט די מעשה פארציילט דורך דער בארימטער מחנך**
**הרה"ג ר' משה בערגמאן שליט"א**
**קול אביגדור 718-289-0899, דרוקט 2 און דערנאך #3**